נאָך דעם ווי איר האָט געליטן אַבּיסל, ער אַליין
וועט אײַך מאַכן שלימותדיק, שטאַרקן, קרעפטיקן,
11 גרונטפעסטיקן. צו אים זאָל זײַן די הערשאַפט
לעלמי עולמים. אמן.
12 דורך סילוואַנוסן, דעם געטרײַען ברודער, אַזוי
רעכן איך, האָבּ איך אײַך קורץ געשריבּן, אײַך
מזהיר צו זײַן און עדות־צו־זאָגן, אַז דאָס איז
דער וואָרהאַפטיקער חסד פֿון ג־ט, אין וועלכן איר
13 שטייט. עס גיט אײַך אָפּ שלום די מיטאויסדערווייל־
14 טע קהלה אין בּבל און מאַרקוס דער זון מײַנער. גיט
אָפּ שלום איינער דעם אַנדערן מיט אַ קוש פֿון ליבּע.
שלום צו אײַך אַלעמען, וועלכע זענען אינם משיח.
אמן.